שיר השירים

קאַפּיטעל א.

1 דאָס ליעד פון (אַלע) ליעדער — שלמה׳ס :—

2 אָ קוסען מיך זאָל ער,
מיט די קוסען פון זיין מויל !
דען זיסער פון וויין
איז דיין ליעבע.

3 אנגענעהם פאַר׳ן גערוך,
זיינען די דופט־אוילען דיינע ;
צוגאָסענער דופט־אויל —
דיין נאָמען.
דרום האָבען די יונגפרויען
ליעב דיך געקריגען.

4 אָ ציה מיך אַהין נאָך זיך,
אָ לאָזען מיר לויפען !
געבראַכט האָט דער קיניג מיך,
אין די קאַמערען זיינע. —

לאָזען מיר לוסטיג זיין
און זיך פרעהען מיט דיר,
דערמאָהנען דיין ליעבע
(וואָס זיסער) פון וויין (איז). —

ריכטיג ליעב,
דיך האָבען זיי. —

5 שווארץ בין איך, דאָך שען,
אָ טעכטער פון ירושלים,
ווי קדר'ס געצעלטען,
ווי שלמה'ס גאַרדינען!

6 ניט קוקט מיך אָן,
וואָס איך בין שוואַרצלעך,
דען אָפּגעברענט
פון זונן בין איך.
די זיהן פון מיין מוטער
האָבען געצאָרענט אויף מיך,
זיי האָבען געמאַכט מיך,
צו היטען די וויינגערטנער;
דעם וויינגאָרטען מיינעם,
ניט אָפּגעהיט האָב איך.

7 אָ זאָג מיר דו,
וואָס מיין זעעלע ליעבט,

וואו פיטערסט דו?
וואו לאַגערסט דו
אין מיטאָג־צייט?
וואָרום זאָל איך זיין,
ווי איינע וואָס בלאָנדזשעט,
צווישען די סטאַדעס
פון דיינע חברים? —

8 אויב דו ווייסט עס דיר ניט,
דו שענסטע פון פרויען,
געה דיר אַרויס,
אין די טריט פון די שאָף,
און פיטער
די ציקעלעך דיינע,
נעבען די פּאַסטוך־געצעלטען. —

9 צו דעם פערד
פון דעם רייטוואָגען פרעה'ס,
פאַרגלייכען דיך האָב איך,
פריינדין מיינע!

10 ליעבליך זיינען,
די באַקען דיינע,
אין די שנורען (פון צירונג);
דיין האַלז —
אין די רייהען (פון פערל).

11 שנורען פון גאָלד,
מאַכען דיר וועלען מיר
מיט פינטלעך פון זילבער. —

12 אין צייט ווען דער קיניג,
געוועזען ביים טיש איז,
געגעבען זיין דופט
מיין נאַרד־געווירץ האָט.

13 אַ בינטעל פון מירע (בשמים),
מיר איז מיין געליעבטער,
צווישען די בריסט מיינע,
רוהען זאָל ער.

14 אַ ציפּער־בלום בוקעט,
פון עין גדי׳ס גערטנער,
איז מיין געליעבטער מיר.

15 שען ביזט דו,
פריינדין מיינע,
שען ביזט דו!
דיינע אויגען,
זיינען טויבען. —

16 שען ביזט דו,
געליעבטער מיינער,

און אַנגענעהם דערצו. —
פריש־גרין איז
אונזער געלעגער.

17 אונזערע הויז־באַלקענס,
זיינען צעדערען,
אונזערע מעבעל —
ציפּרעס־ביימער.



קאַפּיטעל ב.

1 איך בין די נאַרציס־בלום
פון שרון,
די ליליע
פון די טהאָלען.

2 ווי אַ ליליען־בלום
צווישען די דערנער
אַזוי מיין פריינדין איז
צווישען די יונגפרויען. —

3 ווי אַ'ן עפּעל־בוים
צווישען די וואַלד־בוימער,
אַזוי מיין געליעבטער איז
צווישען די בחורים.
אונטער זיין שאָטען
געלוסט איך צו זיצען,
און זים די פרוכט זיינע
איז פאַר מיין גומען.

4 ער האָט מיך געבראַכט,
אין דאָס וויין־הויז,

און זיין פּאַהן איבער מיר,
איז ליעבע געוועזען. —

5 אַ שטאַרקט מיך,
מיט טראַנק־בעכערס,
קוויקט מיך,
מיט עפּעל,
דען איך בין
פון ליעבע פאַרשמאַכט.

6 די לינקע (האַנד) זיינע,
איז אונטער מיין קאָפּ
און זיין רעכטע (האַנד)
נעהמט מיך אַרום.

7 איך באַשווער אייך,
אַ טעכטער פון ירושלים,
ביי די הירשינען,
אָדער ביי
די הינדינען פון פעלד:
ניט וועקען זאָלט איהר,
און ניט אויפריהרען זאָלט איהר,
די ליעבע,
ביז זי וועט געלוסטען (אליין). —

8 ס'איז די שטים,
פון דעם געליעבטען מיינעם!
אָט קומט ער,
שפרינגענדיג
איבער די בערג,
הופענדיג
איבער די בערגלעך.

9 מיין געליעבטער איז גלייך
צו אַ הירש,
אָדער צו
אַ הינד אַ יונגען.
אָט שטעהט ער שוין
הינטער אונזער וואַנד,
קוקט דורך די פענסטער,
בליקט דורך די גראַטקעס.

10 געריפען האָט
דער געליעבטער מיינער,
און האָט געזאָגט צו מיר:
שטעה אויף מיין פריינדין,
מיין שענע,
און קום אַרויס!

11 דען זעה,
דער ווינטער

איז אריבער,
דער רעגען —
פערשוואונדען
(און) פארגאנגען.

12 די בלומען (שוין) ווייזען זיך
אויף דער ערד;
די צייט פון׳ם (פויגעל) ־געזאנג,
איז געקומען;
דער טורטעל־טויב׳ם שטים,
לאזט הערען זיך
איבער דעם לאנד.

13 דער פייגענבוים דופטיגט,
די יונגע פרוכטען זיינע;
די בליהענדע וויינשטאקען,
געבען ארוים (זייער) דופט.
שטעה אויף, מיין פריינדין,
מיין שענע,
און קום ארוים.

14 א, טויב מיינע!
אין די שפאלטען פון פעלז,
אין דער פארבערגענים,
פון דער (געבירג־) טרעפ —

לאָז אָנזעהן מיך,
דעם פּנים דיינעם,
לאָז הערען מיך
די שטימע דיינע.
דען דיין שטימע איז זיס
און דיין פּנים איז שען.

15 כאַפּט פאַר אונז,
די פוקסען,
די קליינע פיקסלעך,
וועלכע צושטערען די וויינגערטנער,
דען אונזערע וויינגערטנער
זיינען (אין) בליהונג.

16 מיין געליעבטער געהערט מיר,
און איך געהער איהם —
(איהם) וועלכער וואַנדערט
צווישען די ליליען.

17 ביז דער טאָג
וועט פאַרוועהען,
און די שאָטענס —
זיך יאָגען,
וואַנדער אַרום,

געליעבטער מיינער,
זיי גליַיך צו אַ הירש
אָדער צו
אַ הינד אַ יונגען,
אויף די צושפּאָלטענע בערג.



קאפיטעל ג.

1 אויף מיין געלעגער
אין די נעכט,
געזוכט האָב איך
איהם וואָס מיין זעעלע ליעבט;
געזוכט איהם האָב איך
און האָב איהם ניט געפונען.

2 לאָמיך אויפשטעהן
און אומגעהן
איבער דער שטאָדט,
איבער די גאַסען,
איבער די מערק;
זוכען וועל איך
איהם וואָס מיין זעעלע ליעבט.
געזוכט איהם האָב איך,
און האָב איהם ניט געפונען.

3 באַגעגענט מיך האָבען
די וועכטער,
וואָס געהען אַרום
אין דער שטאָדט.

„איהם וואָס מיין זעעלע ליעבט,
„צי האָט איהר געזעהן ?“

4 קוים בין איך נאָר
פון זיי אַוועקגעגאַנגען,
באַלד האָב איך געפונען
איהם וואָס מיין זעעלע ליעבט.
אָנגענומען האָב איך איהם,
און האָב איהם ניט אָפּגעלאָזט,
ביז כ'האָב איהם געבראַכט,
אין הויז פון מיין מוטער,
אין צימער פון דער
וועלכע האָט מיך געבאָרען.

5 איך באַשווער אייך,
אָ, טעכטער פון ירושלים,
ביי די הירשינען,
אָדער ביי
די הינדינען פון פעלד,
ניט וועקען זאָלט איהר
און ניט אויפריהרען זאָלט איהר
די ליעבע,
ביז זי וועט געלוסטען (אַליין).

6 ווער איז די,
וועלכע שטייגט

פון דער וויסטע אַרויס,
ווי זיילען פון רויך?
באַדופטיגט
מיט מירע און ווייהרויך,
מיט איטליכען פודער
פונ׳ם געווירץ־הענדלער?

7 אָט איז
דאָס בעט פון שלמה,
זעכציג העלדען
זיינען אַרום איהם,
פון די העלדען ישראל׳ס.

8 אַלע זיי זיינען
באַגורט מיט׳ן שווערד,
ערפאַהרען אין קריעג;
איטליכער מאַן
זיין שווערד אויף זיין לענד,
(א שיצונג) אַקעגען
דעם שרעק פון די נעכט.

9 אַ הימעל־בעט האָט זיך
געמאַכט קיניג שלמה,
פון לבנון׳ס געהילצען.

10 די זײלען זײנע
געמאַכט האָט ער זילבערנע,
זײן אָנלעהן — פון גאָלד,
זײן פּאָלסטער פון פּורפּור.
אינװעניג איז עס
געפּלאַסטערט מיט ליעבע
פון ירושלים׳ס טעכטער.

11 געהט אַרױס,
און קוקט אָן
איהר טעכטער פון ציון,
דעם קיניג שלמה
אין דער קרױן
װאָס איהם אָנגעקרױנט
זײן מוטער האָט,
אין טאָג פון זײן האָכצײט,
און אין טאָג פון זײן האַרץ־פרײד.

קאַפּיטעל ד.

1 שען ביזטו,
פריינדין מיינע,
שען ביזטו!
דיינע אויגען
זיינען טויבען,
פון־אונטער דיין שלייער.
דיינע האָאר —
ווי אַ סטאַדע פון ציגען,
וואָס לאָזען אראָפּ זיך
פון גלעד'ס געבירג.

2 די צייהן דיינע —
ווי אַ סטאַדע,
פון (לעמער) געשאָרענע,
וואָס זיינען
פון וואַש־טייך געקומען,
וואָס צווילינגס
געבערען זיי אַלע,
און קיינע וועלכע פאַרוואַרפט
פאַראַנען איז ניט צווישען זיי.

3 ווי אַ זייד־שנור אַ רויטער
זיינען די ליפּען דיינע,
און דיין רעדען
איז ליעבליך ;
ווי אַ שטיק מילגרוים
איז דיין שלייף
פון־אונטער דיין שלייער ;

4 דיין האַלז איז
ווי דוד'ס טהורעם
געבויט אין דער הויך.
טויזענד שילדען
הענגען אויף איהם —
אַלע שילדען
פון די קריגסלייט.

5 דיינע צוויי בריסט זיינען,
ווי צוויי יונגע הינדען,
צווילינגס פון אַ הירשין,
וועלכע זיך פּיטערען,
צווישען די ליליען. —

6 ביז דער טאָג,
וועט פאַרוועהען,
און די שאָטענס —

זיך יאָגען,
געהן וועל איך מיר,
צו דעם באַרג פון מירע,
צו דעם בערגעל פון ווייהרויך.

7 דו ביזט אין גאַנצען שען,
פריינדין מיינע,
קיין פעהלער איז
ניט פאַראַנען אין דיר.

8 מיט מיר פון לבנון,
פאַרלאָבטע (מיינע),
מיט מיר פון לבנון
אראָפּקומען זאָלסטו;
אראָפּקוקען זאָלסטו,
פון שפּיץ פון אמנה (באַרג)
פון שפּיץ פון שניר און חרמון,
פון די לייבען־וואָוהנונגען,
פון די לעמפּערט־געבירג.

9 האָסט ס'הערץ מיך געפאַנגען,
מיין שוועסטער, פערלאָבטע,
האָסט ס'הערץ מיך געפאַנגען,
מיט א י י נ ע ם
פון די בליקען דיינע.

מיט א י י ן שנור
פון די האַלז־בענדער דיינע.

10 ווי שען איז דיין ליעבע,
מיין שוועסטער, פערלאָבטע,
ווי זיסער איז
דיין ליעבע פון וויין,
און דער דופט־גערוך
פון די זאַלבען דיינע —
פאַר אַלע געווירצען!

11 זיסקייט טריפען
דיינע ליפען,
פאַרלאָבטע (מיינע),
האָניג און מילך
אונטער דיין צונג זיינען.
און דער דופט
פון די קליידער דיינע,
איז ווי דער דופט
פון דעם לבנון. —

12 אַ גאָרטען פאַרשלאָסען
איז מיין שוועסטער,
(מיין) פאַרלאָבטע —
אַ ברונען פאַרשלאָסען,
אַ קוואַל אַ פאַרזיגעלטער.

13 די שפּראָצונגען דיינע
זיינען אַ גאָרטען
פון מילגרוימען
און טהייערע פרוכטען,
פון ציפּער־בלומען
און נאַרד־געווירצען.

14 נאַרד און זאַפראַן,
געווירץ־שטענגלעך
און צימערינג,
און אַלע ווייהרויך־ביימער,
מירע און אַלאָע־בלאַט,
און אַלע געקליבענע בשמים;

15 אַ גאָרטען־קוואל
אַ ברונען
פון לעבעדיגען וואַסער,
וואָס פליסט
פון לבנון אַרויס.

16 ערוואַך, אָ צפון ווינד!
און קום, אָ דרום־ווינד!
וועה (אויף) מיין גאָרטען,
זאָלען צופליסען

זיינע געווירצען,
זאָל קומען מיין געליעבטער,
אין גאָרטען זיינעם
און עסען זיין טהייערע פרוכט.

קאפיטעל ה.

1 כ'בין אריינגעקומען
אין גארטען מיינעם,
מיין שוועסטער,
(מיין) פארלאבטע.
כ'האב געקליבען
מיין מירע,
און מיינע געווירצען,
כ'האב געגעסען
מיין צוקער־ראהר,
מיט דעם האניג מיינעם,
כ'האב געטרונקען
מיין וויין מיט מיין מילך.
עסט קאמעראדען,
טרינקט און באטרינקט זיך,
געליעבטע.

2 איך שלומער
און מיין הערץ איז וואך.
א שטים!
מיין געליעבטער קלאפט:
„א עפען מיר,

„מיין שוועסטער,
„מיין פריינדין,
„מיין טויב,
„מיין אונשולדיגע,
„דען מיין קאָפּ
„געפילט איז מיט טהוי,
„די לאָקען מיינע —
„מיט טראָפּענס פון נאַכט“. —

3 כ'האָב אויסגעטהאָן
מיין העמד (שוין),
ווי קען איך עס אָנטהאָן? —
כ'האָב געוואַשען
די פּיס מיינע,
ווי קען איך באַשמוצען זיי?

4 דער געליעבטער מיינער
האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד,
דורך דער טהיר־לאָך,
און די איינגעווייד מיינע
געשמאַכט נאָך איהם האָבען.

5 אויפגעשטאַנען בין איך
מיין געליעבטען צו עפ'נען

און מיינע הענד האָבען
מיט מירע געטריפט,
און (פון) מיינע פינגער
איז מירע געפלאָסען,
איבער די הענדטלעך פון שלאָס.

6 געעפענט האָב איך
מיין געליעבטען,
און מיין געליעבטער געווען איז
אוועק שטילערהייד. —
מיין זעעל איז פאַרגאַנגען געווען,
ווען ער האָט גערעדט.
געזוכט איהם האָב איך
און כ׳האָב איהם ניט געפונען,
גערופען איהם האָב איך
און געענטפערט מיר האָט ער ניט.

7 באַגעגענט מיך האָבען
די וועכטער
וואָס געהען אַרום
אין דער שטאָדט,
געשלאָגען מיך האָבען זיי,
פאַרוואונדעט מיך האָבען זיי,
אַרונטערגענומען
מיין שלייער מיר האָבען
די מויערען־היטער.

8 איך באַשווער איך,
טעכטער פון ירושלים,
ווען איהר וועט געפינען,
דעם געליעבטען מיינעם
ניט זאָגען איהם זאָלט איהר,
אַז איך בין
פון ליעבע פאַרשמאַכט.

9 וואָס איז דיין געליעבטער,
מעהר פון יעדען געליעבטען,
דו שענסטע פון פרויען?
וואָס איז דיין געליעבטער
מעהר פון יעדען געליעבטען,
וואָס דו האָסט
אַזוי אונז באַשוואָרען? —

10 מיין געליעבטער איז
קלאָר און גערויטעלט,
אַ'ן אויסגעצייכענטער
צווישען צעהן טויזענד.

11 זיין קאָפּ איז גינגאָלד,
זיינע קרויזיגע לאָקען —
שוואַרץ ווי דער ראָב;

12 זיינע אויגען —
ווי טויבען
ביי שטראָמען פון וואַסער,
וואָס באָדען אין מילך זיך,
און זיצען ביים קוואַל.

13 זיינע באַקען —
ווי אַ בעעט פון געווירץ,
טורעמס פון בשמים ;
זיינע ליפּען —
ליליען וואָס טריפען,
מיט פליסענדער מירע.

14 די הענד זיינע —
וואַלצען פון גינגאָלד,
באַזעצט מיט טאָפּאַזען ;
דער לייב זיינער —
אַ שניצווערק פון עלפען־ביין,
אַרום מיט סאַפּירען געפּאַסט.

15 זיינע היפטען —
זיילען פון מירמעל,
באַפעסטיגט
אויף שוועלען פון גינגאָלד.
זיין אויסזעהן איז

װי דער לבנון,
אויסערװעהלט איז ער
װי צעדערען־בוימער.

16 זיין גומען
איז זיסקייט,
און ער איין גאַנצען —
ליעבליכקייט.

אָט דאָס איז מיין געליעבטער,
און דאָס איז מיין פריינד,
טעכטער פון ירושלים!

קאַפּיטעל ו.

1 וואוהין איז געגאַנגען
דער געליעבטער דיינער,
דו שענסטע פון פרויען?
וואוהין האָט געווענדט זיך
דער געליעבטער דיינער?
און זוכען איהם וועלען מיר,
(צוזאַמען) מיט דיר?

2 מיין געליעבטער האָט
אין זיין גאָרטען גענידערט,
צו די געווירץ־בעעטען —
צו וואַנדערן
אין די גערטנער,
און אויפקלייבען
ליליען.

3 איך געהער מיין געליעבטען,
און צו מיר — מיין געליעבטער,
ער, וועלכער וואַנדערט
צווישען די ליליען.

4 שען ביזטו,
געליעבטע מיינע,
ווי תרצה;
ליעבליך,
ווי ירושלים.
שרעקליך,
ווי די באַפאָהנטע (אַרמייען).

5 קעהר אַוועק פון מיר
די אויגען דיינע,
דען זיי האָבען
באַוועלטיגט מיך.
די האָאר דיינע זיינען,
ווי אַ סטאַדע פון ציגען,
וואָס לאָזען אַראָפּ זיך
פון גלעד.

6 דיינע צייהנער —
ווי אַ סטאַדע פון שעפּסען
וואָס זיינען
פון וואַש־טייך געקומען,
וואָס צווילינגס
געבערען זיי אַלע
און קיינע וועלכע פאַרוואַרפט
פאַראַנען איז ניט צווישען זיי.

7 ווי אַ שטיק מילגרוים
איז דיין שלייף
פון אונטער דיין שלייער.

8 זעכציג זיינען זיי
די קיניגינען,
און אַכציג —
די קעפּסווייבער,
און מיידלעך —
אָהן אַ צאָהל.

9 איינע (אָבער)
איז מיין טויב,
מיין אונשולדיגע,
איינע ביי איהר מוטער,
זי איז דער ליעבלינג
פון דער וועלכע האָט זי געבאָרען.
געזעהן זי האָבען
די יונגפרויען,
און האָבען זי
גליקליך געשעצט;
קיניגינען און קעפּסווייבער —
און האָבען געריהמט זי.

10 ווער איז די וועלכע קוקט,
ווי דער מאָרגען ארויס?

שען ווי די לבנה,
לויטער ווי די זונן,
שרעקליך ווי די באַפאַהנטע (אַרמייען)?

11 צום נוס־גאָרטען
האָב איך געגידערט,
צו באַקוקען
די גרינסען פון טהאָל,
צו זעהן
אויב געבליהט האָט
דער וויינשטאָק,
אויב קנאָספען אַרויסגעלאָזט
האָבען די מילגרוימען.

12 איך ווייס ניט (ווי) —
מיין זעעל האָט געבראַכט מיך,
צווישען די רייט־וועגען
פון מיין פירסטליכען פאָלק.

קאַפּיטעל ז.

1 קום צוריק, קום צוריק
אָ, שולמית!
קום צוריק, קום צוריק
און מיר וועלען דיך אָנקוקען! —

„וואָס קוקט איהר אויף שולמית
„אַזוי ווי אויף אַ כאָר־טאַנץ?“

2 ווי שען זיינען
די טריט דיינע
אין די סאַנדאַלען,
אָ, פירסטליכע טאָכטער!
די רונדקייטען
פון דיינע היפטען
זיינען ווי שמוק־ווערק —
די אַרבייט
פון קינסטלערישע הענד.

3 דיין נאַפּעל איז
אַ בעכער אַ רונדער —
עס פעהלט ניט
דער ווירציגער טראַנק;

דיין בויך איז
אַ הויפען פון ווייץ,
אין ליליען געראַהמט.

4 דיינע צוויי בריסט זיינען,
ווי צוויי יונגע הינדען,
צווילינגס פון אַ הירשין.

5 דיין האַלז איז אזוי ווי
אַן עלפענביין־טהורעם ;
די אויגען דיינע —
ווי די בעכען אין חשבון,
ביי די טהויערען
פון בת־רבים ;
דיין נאָז —
ווי דער טהורעם
אויף דעם לבנון,
וואָס קוקט
אויף דמשק אַרונטער.

6 דיין קאָפּ אויף דיר
איז ווי דער כרמל,
און דאָס געפּלעכט פון דיין קאָפּ
ווי דער פּורפּור —
דער קיניג איז
אין די לאָקען פאַרקניפּט.

7 ווי שען ביזטו
און ווי זיס ביזטו,
אַ ליעבע,
מיט די פריידען (דיינע)!

8 אַט ד ע ר געוואוקס דיינער
איז גלייך צו אַ פּאַלמענבוים,
און די בריסט דיינע —
צו בינטלעך פון טרויבען.

9 איך האָב געטראַכט:
אַרויפשטייגען וועל איך
צום פּאַלמענבוים,
אָננעהמען וועל איך
די צווייגען זיינע,
און ס'זאָלען די בריסט דיינע
ווי בינטלעך פון וויינשטאָק זיין.
און דער דופט פון דיין נאָז
ווי עפּעל־גערוך;

10 און דיין גומען אזוי ווי
דער טהייערער וויין. —
ער (דער וויין) פליסט גלייך
צום געליעבטען מיינעם,

ער פליסט אויף די ליפען
פון די וועלכע שלומערען.

11 איך געהער
צום געליעבטען מיינעם,
און זיין באגעהר
איז צו מיר.

12 קום, געליעבטער מיינער,
מיר וועלען ארויסגעהן אין פעלד,
נעכטיגען וועלען מיר
צווישען די ציפער־בלומען!

13 מיר וועלען באגינען
אוועג אין די וויינגערטנער,
זעהן אויב געבליהט
דער וויינשטאק האט,
אויב אויפגעמאכט האט
די בליהונג זיך,
אויב קנאספען ארויסגעלאזט
האבען די מילגרוימען.
דארט וועל איך שענקען
מיין ליעבע צו דיר.

14 די ליבעס־עפעל (מאנדראגארא)
לאזען דופט ארויס,
און נעבען די טהירען אונזערע —

אַלערליי טהייערע פּרוכטען,
פרישע און אַלטע.
געליעבטער! איך האָב (זיי)
באַהאַלטען פאַר דיך.

קאַפּיטעל ה.

1 אָ ווען אימיצער וואָלט דיך
געמאַכט פאַר אַ ברודער צו מיר,
וואָס האָט די בריסט
פון מיין מוטער געזויגען.
איך וואָלט אין גאַס
באַגעגענט דיך,
איך וואָלט דיך געקוסט
און פאַראַכטען מיך וואָלט מען ניט!

2 איך וואָלט דיך געפיהרט,
איך וואָלט דיך געבראַכט
צום הויז פון מיין מוטער
וועלכע מיך לערנט;
געגעבען דיר טרינקען
פון וויין געקאָכטען,
פון מילגרוימען־זאַפט.

3 זיין לינקע (האַנד) איז
אונטער מיין קאָפּ
און זיין רעכטע (האַנד)
נעהמט מיך אַרום.

4 איך באַשווער איך,
טעכטער פון ירושלים,
ניט וועקען זאָלט איהר
און ניט אויפריהרען זאָלט איהר
די ליבע,
ביז זי וועט געלוסטען (אַליין).

5 ווער איז די, וועלכע קומט
פון דער וויסטע ארוים,
זיך לעהנענדיג
אויף איהר געליעבטען? —

אונטער דעם עפּעל־בוים
האָב איך דיך אויפגעוועקט,
דאָרט האָט געהאַט דיך
דיין מוטער,
דאָרט האָט די וועהען געהאַט,
די, וועלכע האָט דיך געבאָרען.

6 דריק מיך אַרויף ווי אַ זיגעל,
אויף דעם הערצען דיינעם,
ווי אַ זיגעל —
אויף דעם אָרעם דיינעם,
דען מעכטיג ווי טויט
איז די ליבע,
גרויזאַם ווי גיהנום

די אייפערזוכט איז.
איהרע פונקען זיינען
פונקען פון פייער
אַ פלאַמע פון גאָט.

7 וואַסערען גרויסע
קענען די ליבע ניט לעשען,
און טייכען ניט וועלען
אַוועגשווענקען זי.
ווען געבען אַ מאַן זאָל
דאָס גאַנצע פערמעגען
פון זיין הויז
פאַר ליבע —
פאַראַכטען איהם וואָלט מען.

8 אַ קליינע שוועסטער
איז דאָ ביי אונז,
און קיין בריסט (נאָך)
האָט זי ניט.
וואָס זאָלען מיר
מיט אונזער שוועסטער טהאָן,
ווען שדכ׳ען זיך
וועט מען אָרום איהר?

9 וואָלט זי אַ מויער געווען,
וואָלטען געבויט מיר

אַ פּאַלאַץ פון זילבער אויף איהר,
און וואָלט זי אַ טויער געווען,
באַפעסטיגט וואָלטען מיר
אַ טאָוועל פון צעדער אויף איהר. —

10 „איך בין אַ מויער־וואַנד
און מיינע בריסט —
ווי די טורעמס.
דרום בין איך געווען
אין די אויגען זיינע
ווי אַ קוואַל פון גליק.“

11 אַ ווייגאָרטען איז ביי שלמה'ן
געווען אין בעל־המון.
אָפּגעגעבען האָט ער
דעם ווייגאָרטען צו וועכטער,
איטליכער מאַן
ברינגט פאַר זיין פרוכט
אַ טויזענד זילבער־שטיק.

12 דער ווייגאָרטען מיינער
איז פאַר (אנטקעגען) מיר.
דיר, שלמה,
די טויזענד,
און צוויי הונדערט פאַר די,
וועלכע היטען זיין פרוכט.

13 אָ, דו וועלכע וואוהנסט
אין די גערטנער!
עס האָרכען די פריינד
אויף דיין שטים —
אָ לאָז (זי) מיך הערען!

14 אַנטלויף דיר,
געליעבטער מיינער!
און זיי גלייך
צו אַ הירש,
אָדער צו
אַ הינד אַ יונגען,
אויף די געווירציגע בערג.